

אידיש

בסייעתא דשמיא

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.



## אמרות שמשון

### דער אויבערשטער גלוסט צו הערן תפילות פון צדיקים • נאר אין דעם ענין וויל נישט דער אויבערשטער אז משה רבינו זאל דאווענען

**וַיִּתְעַבֵּר ה' בִּי לְמַעַנְכֶם וְלֹא שָׁמַע אֵלָי וַיֹּאמֶר ה' אֵלַי רַב לָךְ אַל תּוֹסֶף דַּבֵּר אֵלַי עוֹד בַּדָּבָר הַזֶּה** (ג, כז): דער הייליגער 'זרע שמשון' שטעלט זיך אויפן לשון הפסוק 'בדבר הזה', וואס וויל די תורה זאגן מיט דעם?

**עס** ווערט געברענגט אין חז"ל (יבמות סד.), **'הקב"ה מתאוה לתפילתן של צדיקים'**. דער אויבערשטער גלוסט נאך די תפילות פון צדיקים.

**דא** ביי אונז אין פסוק שטייט, דער אויבערשטער זאגט פאר משה רבינו ער זאל מער נישט דאווענען. וואלט געקענט אויסזעהן פון דעם, אז משה רבינו איז ח"ו נישט קיין צדיק, וויבאלד דער אויבערשטער וויל נישט ער זאל דאווענען, און גלוסט נישט צו הערן זיינע תפילות.

**דעריבער** שטייט אין פסוק, דער אויבערשטער זאגט צו משה רבינו, 'אל תוסף דבר אלי עוד **בדבר הזה**', נאר אין דעם ענין וויל איך נישט דו זאלסט מער דאווענען, אבער פאר אלע אנדערע זאכן, פונקט פארקערט וויל איך דו זאלסט ווייטער דאווענען, ווייל דו ביזט א צדיק און איך גלוסט צו הערן דיינע תפילות. (**זרע** שמשון פרשתינו אות א')

### עשרת הדברות • צען דברות איינע אנטקעגן די אנדערע • די פארבינדונג פון א דיבור מיט דעם דיבור אנטקעגן איבער • דער רמז וואס דאס קומט אונז צו לערנען

**עשרת הדברות.** עס ווערט געברענגט אין חז"ל (שמות רבה מז, ו), די עשרת הדברות זענען געווען אויסגעשטעלט אויף צוויי לוחות, פינעף אויף איין לוח און פינעף אויף דעם אנדערע לוח. און עס איז געשטאנען א דיבור אנטקעגן די אנדערע מיט דער פאלגענדע סדר:

| | |
|---|---|
| אָנֹכִי | לֹא תִרְצָח |
| לֹא יִהְיֶה לְךָ | לֹא תִנְאָף |
| לֹא תִשָּׂא | לֹא תִגְנֹב |
| זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת | לֹא תַעֲנֶה |
| כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ | לֹא תַחְמֹד |

**מען** קען ערקלערן בדרך רמז די פארבינדונג וואס יעדע דיבור האט מיט דעם דיבור אנטקעגן איבער.

**אָנֹכִי - לֹא תִרְצָח:** מיט דעם דיבור ווארנט די תורה, א מענטש זאל שטענדיג דאווענען מיט כוונה און אינזין האָבן די ווערטער.

**וויבאלד 'אנכי'** איז מרומז אויף תפילה מיט כוונה, ווי עס שטייט אין גמרא (ברכות כח:), **ר' אליעזר אומר כשאתם מתפללים דעו לפני מי אתם עומדים** (אנכי ה'), 'ווען דאווענען זאלן ענק וויסן אנטקעגן וועמען מען שטייט'. מ'זאל דאווענען מיט פארכט און כוונה (רש"י שם).

**און** תפילה אָן כוונה ווערט פאררעכענט ווי א גוף אָן א נשמה. און דאס איז מרומז אין **'לא תרצח'**. אזוי ווען א מענטש שטארבט טיילט זיך אפ די נשמה פונעם גוף. דאס זעלבע איז ווען איינער דאווענט אן כוונה איז דאס כגוף בלי נשמה. דערפאר איז 'אנכי' אנטקעגן 'לא תרצח'.

**נאך** א פשט, די סיבה פארוואס כלל ישראל האט געזינדיגט און מיטן 'חטא העגל', און עובר געווען אויף **אנכי ה' אלוקיך**. איז געווען צוליב זיי האבן גע'הרג'עט 'חור' וואס האט זיי געזאגט מוסר. דערפאר שטייט 'לא תרצח' אנטקעגן 'אנכי ה' אלוקיך'.

**לֹא תִשָּׂא - לֹא תִגְנֹב:** עס ווערט געברענגט אין רש"י (ויקרא יט, יא), דער וואס גנב'עט וועט צום ענדע עובר זיין צו שווערן שבועת שקר. דערפאר שטייט 'לא תשא' אנטקעגן 'לא תגנב', וויבאלד עובר זיין אויף 'לא תגנב' ברענגט צו מען זאל עובר זיין אויף 'לא תשא'.

**זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת - לֹא תַעֲנֶה:** שבת קודש איז א זכר צו בריאת העולם, און דער וואס רעדט שקר איז פוגם אין דער דיבור פון 'זכור את יום השבת', וויבאלד ער איז מער נישט באגלייבט צו זאגן עדות אויפן שבת. דערפאר איז 'זכור' אנטקעגן 'לא תענה'.

**מיט** דעם קען מען פארשטיין פשט בדרך רמז אין די הלכה וואס ווערט געברענגט אין משנה (דמאי פ"ד מ"א ועיי"ש בפירוש הרע"ב), א 'עם הארץ' איז באגלייבט שבת מיט זיינע ווערטער מער פון אינדערוואכן. וויבאלד ער האט 'אימת שבת' (די פארכט פון שבת), און איז נישט 'חשוד לשקר' (פארדאכט צו זאגן ליגנט). דאס איז א דין וואס מיר געפונען נישט אין אנדערע ערטער.

**מען** קען דאס פארשטיין לויט די אויבנדערמאנטע פשט. אז עס איז ספעציעל הארב צו זאגן ליגנט שבת. וויבאלד דער דיבור פון שבת איז אנטקעגן 'לא תענה', דעריבער אפילו דער עם הארץ האט מורא צו לייקענען אום שבת קודש. (זרע שמשון פרשת יתרו אותיות כב-כה)

### וצדקה תהיה לנו • מען טוט צדקה מיט זיך אליינס

**וּצְדָקָה תִּהְיֶה לָּנוּ כִּי נִשְׁמֹר לַעֲשׂוֹת אֶת כָּל הַמִּצְוָה הַזֹּאת לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵינוּ כַּאֲשֶׁר צִוָּנוּ** (ו, כה): דער הייליגער 'זרע שמשון' ערקלערט פשט אין די ווערטער אין פסוק **'וצדקה תהיה לנו'**, וואס וויל די תורה זאגן דערמיט?

**מען** קען דאס ענטפערן לויט ווי עס שטייט אין פסוק (דברים יא, יד), **השמרו לכם פן יפתה לבבכם וגו' ועצר את השמים ולא יהיה מטר וגו'**. די תורה זאגט, אויב ח"ו וועט כלל ישראל נישט אפהיטן תורה און מצות, וועט דער אויבערשטער אפהאלטן רעגן און עס וועט נישט וואס צו עסן וכו'.

**קומט** אויס, אויב היט מען אפ די תורה און מצות, טוט מען 'צדקה' מיט זיך אליינס, מען וועט האבן וואס צו עסן. ווייל אויב ח"ו עס וועט זיין פארקערט, וועט נישט זיין וואס צו עסן און עס וועט נישט זיין קיין צדקה. (זרע שמשון פרשתינו אות י"ב)

## יום ההילולא ו' אלול

השתתפו בהוצאות ותזכו לישועות

שמכם יופיע בתפילה המיוחדת ביום ההילולא

02-80-80-500

347-496-5657

www.zerashimshon.co.il

זרע שמשון.
אלפים נושעו בהבטחתו.

• הוצאת הגליון והפצתו לזכות •

**לברכה ולהצלחה**
צבי יצחק דוב בן גיטל חיה
וזוג' מרים סאבל בת אסתר
ובניהם שמעון יחזקאל, ישעיה, יואל אלעזר
שיזכו לסייעתא דשמיא ולהצלחה בכל הענינים

**'קול זרע שמשון'**
ארץ ישראל 02-80-80-600
ארה"ב 716-229-4808
לונדון 0333-300-2515
ניתן להקדיש שיעורים לזכות לברכה ולעילוי נשמת

**תורמים ונושעים**
ארץ ישראל 02-80-80-500
ארה"ב 347-496-5657
או באתר: www.zerashimshon.co.il
כולם זוכים! קחו חלק בהפצה העולמית הנרחבת

**לברכה ולהצלחה**
פ.מ.מ. בן ש.ג
לאורך ימים
ושנים טובות ומתוקות

# גבורת שמשון
## סיפורי ישועה

**פאלגנד איז א העכסט אינטערעסאנטע עפיזאד וואס איז פארגעקומען אינערהאלב די אפיס פון 'האיגוד העולמי להפצת תורת הזרע שמשון' אין אמעריקע:**

# ספרי זרע שמשון אונטער די אייזערנע גראטעס (ב')

**אין קורצן פון פריער: א אומגעוועהנליכע טעלעפאון קאל קומט אריין אין די אפיס פון מכון האיגוד לעולמי להפצת תורת הזרע שמשון, ווי א איד רופט אן פון תפיסה און בעט זיך אז מען זאל שתדל'ן אריינצוברענגן די ספרים פונעם זרע שמשון אין תפיסה, און איידער ער לייגט אראפ די טעלעפאון, זאגט ער אז ער וועט בעטן איינער זאל זיך פארבינדן מיט די מכון און וועט אנווייזן די ווייטערדיגע שריט.**

**א** וואך שפעטער האט הרב צ. ח. זיך פארבינדן מיט די אפיס, און ער האט טאקע באשטעטיגט אז אלעס איז ריכטיג און אמת, און האט פארציילט אז ס'איז ליידער דא א קבוצה פון עטליכע אידן אין יענע תפיסה, וואס זייער לעצטיגע דאגה איז בלויז איין זאך ווי אזוי פארשאפט מען די ספרים פונעם זרע שמשון אין תפיסה, און ער האט מסביר געווען בערך ווי אזוי עס גייט צו די פראצעדור אריינצוברענגן ספרים אין תפיסה.

**ווי** פארשטייט זיך אז אזא סארט בקשה - פון אחינו יושבי חושך וצלמות - קען מען נישט אפזאגן, מען האט זיך גלייך פארבינדן מיט דער ראביי וועלכע איז ממונה אויף די אידישע ארעסטאנטן, און מען האט אפגעהאלטן מיט אים א לענגערע שמועס ווי אזוי מען עס מסדר זיין, טראץ די פולע קאמפליקאציע'ס און שוועריקייטן וואס מען דארף ערלעדיגן כדי דאס צו אויספירן מכח אל הפועל, און דאס אריינברענגן אונטער די אייזערנע גראטעס.

**דערנאך** האט מען זיך פארבינדן מיט איינע פון די חשוב'ע תומכים - וועלכע איז א באקאנטע לויער אין ניו יארק - וואס שטיצט קביעות'דיג למען הפצת תורת רבינו הזרע שמשון, און מען האט אים געבעטן אויב ער וואלט געקענט באשטיין צו מנדב זיין די הוצאות וואס עס קאסט, און אריינברענגן די ספרים פון רבינו הזרע שמשון, אויף די פארלאנג פון די אידישע ארעסטאנטן.

**דער** איד האט גלייך מסכים געווען דערצו, און האט מסביר געווען, אז עס איז אים שטענדיג א זכי' צו געבן פאר הפצת תורת זרע שמשון, בפרט ווען עס האנדל'ט זיך פון אזא זעלטענע און חשוב'ע מצוה צו מזכה זיין די אידן וואס זיצן מאחורי סריג ובריח.

**ער** האט גלייך אריבערגעפירט די געלט פאר די מכון, און דערביי האט ער צוגעלייגט אז ער האט אייביג ליב צו געבן געלט פארן זרע שמשון, ווייל דער צדיק בלייבט קיינמאל נישט שולדיג און מען איז אייביג זוכה אז דער צדיק צאלט צוריק בכפל כפליים.

**נאך** זייענדיג אויפן טעלעפאון, האט ער מיטאמאל געבעטן אז וויבאלד ער זיצט יעצט אין אפיס און איינער איז אריינגעקומען, אויב מען קען ווארטן א מינוט.

**נאך** עטליכע מינוט קומט ער צוריק צום טעלעפאון אינגאנצן איבערראשט, און ער פארציילט אונז אז ממש די מינוט איז אריינגעקומען צו אים אין אפיס א קאסטומער וועלכע איז אים שוין שולדיג א גרויסע סומע געלט פאר זייער א לאנגע צייט, און ער האט זיך כסדר ארויסגעדרייט פון באצאלן זיין חוב.

**און** ממש יעצט, נאכן געבן זיין נדבה פארן זרע שמשון, האט דער קאסטומער אריינשפאצירט אין זיין אפיס, און האט אים אפגעצאלט די גאנצע חוב ביז צו די לעצטע פרוטה!

**און** דער איד האט אויסגעפירט: כ'האב ענק געזאגט אז דער זרע שמשון בלייבט נישט שולדיג, און נישט נאר ער בלייבט נישט שולדיג, ער באצאלט נאך צוריק גלייך אויפן פלאץ!

**נעמט א טייל אינעם סעודת ההילולא מיט לימוד גאנץ ספר זרע שמשון און זייט זוכה צו ישועות!**

אזוי ווי יעדעס יאר וועט היי יאר בס"ד ווידעראמאל געפראוועט ווערן די יארצייט פון

## רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני
## בעל ה'זרע שמשון' זי"ע

וואס פאלט אויס **ו' אלול** הבעל"ט

דער צענטראלער יארצייט סעודה וועט בס"ד געפראוועט ווערן אין ירושלים עיה"ק אינאיינעם מיט די חברי הכולל 'כולל זרע שמשון', אין שפיץ פון רבנים און גאונים שליט"א, נאכען סעודה עס וועט פארקומען איבער צווי אונדערט יונגלייט וואס וועלן לערנען צוזאמען גאנץ ספר זרע שמשון, ווי עס וועט פארקומען א סיום משניות לע"נ, און דערביי וועט מען אינזין האבן די נעמען פון אלע תורמים באזונדער ביי די געהויבענע תפילה וואס איז פארפאסט געווארן דורך בעל הזרע שמשון זי"ע.

צו נעמען א טייל אינעם סעודת הילולא, אדער צו מנדב זיין א טייל פונעם פארברייטערטע גליון וואס ערשיינט לכבוד די יארצייט הבעל"ט

**קען מען זיך פארבינדן מיט:**

הרב מנחם בנימין פאשקעס **347-496-5657**
הרב ישראל זילבערבערג **05271-66450**
אדער Zereshimshon.com

**זכותו הק' יגן עלינו וימליץ טוב בעדינו לכל מילי דמיטב, אמן.**

**ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.**
צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com
אדער קענט איר זיך פארבינדן צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילבערבערג: 052-716-6450
**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
בארה"ב: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17) סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

זרע שמשון ע"ר 580624120

וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו